# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



פ' במדבר
תשפ"א לפ"ק
גליון קס"א

## פראגע

**וואס איז פשט פונעם מדרש** (מדרש רבה, ויקרא) **וואס זאגט "דרך ארץ קדמה לתורה"? אז דרך ארץ קומט בעפאר די תורה?**

## ענטפער:

מיר קענען זיך נישט ערלויבן צוווארטן ביז מיר לערנען וויאזוי צו לעבן מיט דרך ארץ, בעפאר מיר היטן די תורה; עס וועט נעמען צו לאנג. וואס עס מיינט באמת איז אז **אין היסטאריע** איז דאס געקומען קודם. ספר בראשית קומט בעפאר ספר שמות. די תורה איז געגעבן געווארן אין שמות, אבער **אין בראשית האבן מיר געלערנט דרך ארץ.**

איר ווייסט וואס דרך ארץ איז? דרך ארץ איז "ושרה שומעת" (בראשית, י"ח, י) – שרה האט אויסגעהערט. ווען אברהם האט גערעדט האט שרה נישט ארויסגעשטעקט איר קאפ און געזאגט "איך ווייס שוין אלעס. דו האסט עס שוין געזאגט פאר די געסט וואס זענען נעכטן געקומען." ניין. שרה האט זיך צוגעהערט. דאס איז דרך ארץ.

ווען אברהם האט געזען רייזנדע וואס פארן דורך אין א הייסן טאג איז ער ארויסגעלאפן אין די שרעקליכע היץ און זיך געבעטן ביי זיי אז זיי זאלן קומען צו זיין הכנסת אורחים; דאס איז דרך ארץ.

א פרעמדער מענטש קומט אן מיט קעמלען, א פעסט-געבויטער מאן, און ער זאגט צו רבקה, "געב מיר צו טרונקען!" צי האט זי געזאגט "וואס מיינסטו איך בין? גיי דיר אליין צום ברונעם!" ניין! זי האט געזאגט "יא מיין הער, שתה אדוני, טרונק **מיין הער**" (בראשית כ"ד, י"ט). דאס איז דרך ארץ. און ווען זי האט צוגעלייגט "און אויך פאר דיינע קעמלען וועל איך געבן צו טרונקען", דאס איז דרך ארץ, און דאס איז אין די תורה.

יוסף הצדיק איז געווען אן ארעסטאנט אין א טיפן קעלער, און ער איז געווען אין תפיסה פאר גארנישט. ווען ער האט געזען צוויי פון זיינע קאלעגעס ארעסטאנטן זענען פארכמורעט, האט ער נישט געזאגט "וואס איז עס מיינע געשעפטן, איך האב מיר מיינע אייגענע דאגות." ניין! ער האט זיך נאכגעפרעגט, "מדוע פניכם רעים היום?" – פארוואס קוקט עטס אויס אזוי אנידערגעשלאגן היינט? (בראשית מ', ז). ער האט זיך אינטערעסירט אין זייער וואוילזיין. דאס איז דרך ארץ. אט די אלע זאכן, און טויזנטער אנדערע אזעלכע ביישפילן, זענען געשריבן אין ספר בראשית צו לערנען: דאס איז די וועג זיך צו גרייטן צו די תורה, **מדות טובות.**

יעקב אבינו האט געזאגט אז ער האט שיער אוועקגעגעבן זיין לעבן ביים זיך אפגעבן מיט לבנ'ס שאף. בייטאג און ביינאכט, אין היצן און אין קעלט האט ער נישט נאכגעלאזט פון זיין ארבעט. ער איז געווען א געטרייער שומר. דאס איז דרך ארץ. יעקב איז צוריקגעגאנגען זוכן פכים קטנים, קליינע זאכן וואס איז איבערגעבליבן אויף די אנדערע זייט טייך, ווייל ער איז געווען א געטרייער טרעזשורער פאר'ן אויבערשטן; ער האט נישט פארשווענדעט קיין זאכן. מען קען נישט פארשווענדן זאכן, זיי באלאנגען אלע צום אויבערשטן. גארנישט איז אונזערס. דאס איז דרך ארץ.

ווען נח איז געווארן אנגעטרונקען און ער איז געליגן אין זיין געצעלט, האבן זיינע צוויי עלטערע זון אים צוגעדעקט. זיי האבן גענומען א דעקע און געשפאנט אויף צוריקצוואוועגס כדי נישט צו זען זייער טאטן. דאס איז דרך ארץ.

גאנץ ספר בראשית איז דרך ארץ, און עס איז דארט געלייגט געווארן בעפאר'ן געבן די תורה, אונז צו דערציילן וויאזוי זיך צוצוגרייטן צו די תורה. דאס מיינט דרך ארץ קדמה לתורה.

**פראגע**

## פארוואס איז די ברכה פון "יוצר המאורות" לענגער ווי די ברכה אויף די תורה - "אהבה רבה"? איז די טעמע פון ליכטיגקייט וויכטיגער ווי תורה?

## ענטפער:

**"דרך ארץ קדמה לתורה".** דרך ארץ מיינט, צום ערשט זיי א מענטש. אויב האט מען נאכנישט געלערנט וויאזוי צו זיין א מענטש, איז מען נאך צו רוי און אומצוגעגרייט פאר תורה. כדי צו זיין א מענטש דארף מען אנערקענען דעם אויבערשטן אין די בריאה. **"בראשית ברא אלקים"** קומט ערשט. שפעטער, נאכדעם וואס מ'האט שוין איינגעקריצט "בראשית" אין אונזער מח, און מען ווערט מער און מער באוואוסטזיניג אין די געוואלדיגע אמיתיות פון בראשית, יעצט זענען מיר גרייט פאר מתן תורה.

דערפאר, כדי מיר זאלן זיין גרייט פאר די ברכה אויף די תורה - דאס איז די ברכה בעפאר קריאת שמע – מוזן מיר איינזען די גרויסקייט פון די מאורות. מענטשן שלאפן איין ווען זיי זאגן יוצר אור. ווען עס קומט צו אהבה רבה דעמאלטס וועקן זיי זיך אויף. עס איז א טעות. אודאי דארף מען זיך אויפוועקן, אבער מען דארף זיך שוין אויפוועקן פריער. יוצר המאורות! מען דארף צום ערשט אנערקענען דעם בורא, און **מען אנערקענט דעם בורא דורך זיין בריאה.**

"יודוך ד' כל מעשיך" (תהלים, קמ"ה) – אלע דיינע ווערק לויבן דיר. "השמים מספרים כבוד קל" (שם, י"ט) – די וועלט דערציילט די כבוד פון השי"ת. איינמאל מען איז באוואוסטזיניג אינעם אויבערשטן, יעצט איז מען גרייט צו מקבל זיין די תורה. אסאך מענטשן קומען לערנען תורה, און האבן בכלל נישט קיין אמונה, ס'איז א ווייטאג. אודאי איז עס בעסער ווי גארנישט, אבער ס'איז א מורא'דיגע שאד. וועגן דעם דארף מען זאגן לאנג יוצר המאורות און אריינטראכטן דערין.

די מלאכים זאגן "קדוש" אין יוצר המאורות, נישט אין אהבה רבה. פארוואס זאגן זיי קדוש? זיי זענען איבערגענומען פון די בריאה. אזוי דארפן מיר אויך ווערן גענצליך איבערגענומען פון די בריאה, כדי מיר זאלן פון דעם לערנען די גרויסקייט פונעם **יוצר**, די גרויסקייט פון דער וואס האט דאס אלעס געמאכט! דאס איז וויכטיג פאר אונז.

אן דעם קען מען בכלל נישט אנהייבן, און **דאס איז די הקדמה צו קבלת התורה.**

**פראגע**

## וואס איז די מטרה פון א גארטל?

## ענטפער:

אן אינטערעסאנטע פראגע. אסאך אידן טוען אן א גארטל ארום זייערע לענדן ווען זיי דאווענען. און די מטרה איז צו צייגן נימוס. אזוי ווי ווען מענטשן גייען אריין צום קעניג, פלעגן זיי אין די אמאליגע צייטן אנטון א גארטל אלס **כבוד און חשיבות פאר'ן קעניג.** דעריבער האבן געוויסע דעם מנהג אנצוטון א גארטל ווען זיי טרעטן נאנט צום אויבערשטן צו דאווענען.

יעצט די וועלכע גייען נישט מיט קיין גארטל, גייען מיט די שיטה אז עס ווענד זיך אין די מציאות פון די צייטן. אין יענע פלעצער אדער אין יענע צייטן וואו עס איז נישט געווען פאררעכנט אלס א חשיבות איז מען נישט אזוי געגאנגען. לאמיר זאגן אויב מיר וואלטן גענומען א שווארצע שניפסל און עס ארומגעבינדן אונזערע לענדן ביים גיין רעדן צום קעניג, וואלט עס נישט געהייסן קיין חשיבות – במילא טוען מיר עס נישט.

אבער די חסידים וועלכע גייען יא מיט א גארטל זאגן, "עס אינטערעסירט אונז נישט די היינטיגע מאדע. מיר פירן זיך אזוי ווי עס איז געווען פאררעכנט אלס א חשיבות אמאליגע צייטן." # 52

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתעגג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב